בס"ד

# תורת אביגדור




פרשת ויחי

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

## השי"ת וויל פון אונז ענערגיע, לעבהאפטיגקייט, קראפט און מעשים

### יעקב פארגלייכט די שבטים צו ווילדע חיות

**ווען** יעקב אבינו האט זיך אויפגעזעצט אויף זיין קראנקן-בעט אויסצולויבן זיינע זין און זיי בענטשן דאס לעצטע מאל אין זיין לעבן, זעען מיר גאר אן אינטערעסאנטע זאך: יעקב אבינו גלייכט צו די שבטים צו א טייל פון די שרעקליכסטע חיות וואס זענען דא אויף דער וועלט; אזעלכע חיות וואס מאכן די האר פון קאפ זיך אויפשטעלן.

יעדער איינער ווייסט אז א שלאנג איז א העכסט-פארהאַסטע חי' ביי מענטשן, און עס זענען דא וואס עס קומט זיי צו ברעכן ווען זיי זעען א שלאנג. אזוי אויך דער וואלף און דער לייב זענען אוודאי נישט קיין באליבטע חיות. יעקב אבינו האט אבער אויסגעקליבן ביים געבן די ברכות פאר זיינע קינדער זיי צוצוגלייכן דווקא צו אזעלכע חיות.

"**גור אריה יהודה**" - יהודה איז א יונגער לייב... א צדיק ווערט פארגליכן צו א לייב? א לייב איז א חי' פון וואס מיר האבן מורא. עס איז נישט קיין גוטהארציגע אדער איידעלע באשעפעניש. עס איז נישט קיין כשר'ע חי', און מען קען נישט ברענגען דעם לייב אלס קרבן אויפ'ן מזבח. פארוואס האט יעקב נישט געזאגט אז יהודה איז א שעפס אדער א קאלב, אדער כאטש אן אקס?

**און** דערנאך - בנימין, דער באליבטער שבט בנימין. וואס האט יעקב אבינו געוואונטשן פאר שבט בנימין? "**בנימין זאב יטרף**" - בנימין ווערט צוגעגליכן צו א וואלף; א הונגעריגן וואלף וואס פארצוקט זיין קרבן. א "וואלף" איז נישט קיין קאמפלימענט. אויב איר וואלט זיך נאכגעפרעגט אויף א שידוך פאר אייער טאכטער, און מ'וואלט אייך געזאגט אויפ'ן בחור אז ער איז אזוי ווי א וואלף, וואלט דאס געמיינט אויס שידוך - אראפ פון טיש! מיר וואלטן קיינמאל נישט געזאגט אויף א צדיק אז ער איז "אזוי ווי א וואלף"; דאס איז ווי א סתירה מיני'-ובי'.

און דן? ער ווערט צוגעגליכן צו א "שפיפון", א גיפטיגע שלאנג וואס ליגט אויפ'ן וועג. א שלאנג?! דאס וואלט מען געקענט זאגן אויף א פאַררעטער, צי אויף א געמיינעם מענטש מיט שלעכטע מדות. אויב איינער וואלט אייך געזאגט אויף זיין שכן: "איר קענט מיין שכן, דן? ער איז א גיפטיגער שלאנג!" וואלט איר שוין געהאט אויף אים א בילד אין קאפ.

מיר זעען אבער דא, אז די צדיקים ווערן אויסגעלויבט דווקא מיט די ביישפילן פון אזעלכע חיות. עס איז מערקווירדיג, אז יעקב פארגלייכט קיינמאל נישט זיינע קינדער צו לעמעלעך, אדער צו שעפעלעך, נאר צו ווילדע חיות. און דאס קומט אז מיר זאלן עס אפלערנען און פארשטיין.

## א "וואלף" איז נישט קיין קאמפלימענט

**אפלערנענדיג** די דאזיגע פארגלייכונגען פון די שבטים צו די חיות, דארפן מיר זיך פרעגן: וואס איז דער צד השוה מיט וואס די דריי אויסגערעכנטע חיות - דער לייב, דער וואלף און די שלאנג - זענען גלייך. מ'קען זאגן: "**שכן דרכן להזיק**" - די אלע דריי חיות זענען שעדליכע און מסוכנ'דיגע באשעפענישן. די שאלה איז אבער, פארוואס זענען זיי טאקע געפערליך, און וואס מאכט אז זיי זאלן זיין "דרכן להזיק"? דער ענטפער דערויף איז, ווייל די חיות האבן אין זיך אן ענערגיע, וואס טרייבט זיי צו טון געוויסע זאכן. ווי עס זעט אויס, האט יעקב אבינו דאס געוואלט זען אין זיינע קינדער, אז זיי זאלן האבן אין זיך אן ענערגיע און ברען צו עבודת ה'.

דאס קומט אונז צו לערנען, אז ווען הקב"ה קוקט אראפ אויפ'ן ים פון דער מענטשהייט און זאגט, "ווער איז דער מענטש וואס וועט טון פאר מיר די בעסטע עבודה און וועט דאס מערסטע נושא חן זיין אין מיינע אויגן?" איז דער ענטפער: די מענטשן וואס האבן אין זיך ענערגיע. מיר וואלטן אפשר געטראכט אנדערש; מיר וואלטן געטייטלט אויפ'ן שטילן צדיק וואס זיצט אין ווינקל: "אה, אפשר ער - דער וואוילער, שטילער מענטש! ער איז א רואיגער און געמיטליכער, מענטשן ליידן נישט פון אים צופיל - ער איז דעם אויבערשטנ'ס א מענטש!" אבער השי"ת לאזט אים אדורך. "ניין, נישט ער איז דער מענטש וואס איך זוך! אוודאי האב איך פאר אים א פלאץ אין עולם הבא, און איך וועל אים געבן שכר פאר'ן זיין א שטילער, פיינהארציגער מענטש, א 'נח לבריות', וואס קומט זיך גוט אויס מיט יעדן. דאס איז זייער חשוב, אבער דער דאזיגער מענטש וועט נישט אנקומען הויך, און אזא איינער וועט נישט דערגרייכן די גרעסטע מאס הצלחה."

וועמען דען זוכט השי"ת? "איך זוך - זאגט השי"ת - אזעלכע מענטשן וואס זענען גרייט **צו טון** עפעס אויף דער וועלט; וואס וועלן האבן ענערגיע און אנקומען; וואס וועלן זיך האלטן פעסט מיט'ן דבר השם. ווען איך שיק דיך אראפ אויף דער וועלט - זאגט השי"ת - ביסטו א שליח וואס דארף אויספירן א געוויסן תכלית אויף דער וועלט."

## דער צד השוה צווישן די חיות

**לאמיר** כאפן א נענטערן בליק אויף די ביישפילן וואס יעקב אבינו האט געגעבן פאר אידישע קינדער, וועלן מיר האבן א באגריף וואס השי"ת וויל פון אונז. יעקב אבינו האט דערמיט געוועדט נישט בלויז צו זיינע זין, נאר ער האט אנטפלעקט פאר אונז אלעמען א טייל פון די סודות - וואס עס איז דער רצון פון הקב"ה צו אידישע קינדער, צו יעדן איינעם פון אונז. מיר זעען, אז הקב"ה וויל אז מענטשן זאלן זיין שטארק, נישט זיין קיין שוואַכלינגען. יעדער ווייסט אז דער לייב איז דער קעניג פון די חיות, און הקב"ה וויל אז צדיקים זאלן זיין ווי לייבן, נישט מורא האבן פון קיינעם.

און עס איז געווען נישט בלויז דער לייב, וואס האט יעקב אבינו געוואלט זען אין זיינע קינדער. "בנימין זאב יטרף" - אן עובד השם דארף זיין בייז און vicious ווי די וועלף. ווען עס קומט די צייט צו צעפליקן זייער קרבן, וועלן זיי דאס טון. "ובערת הרע מקרבך" - זאלסט אויסרוימען דאס שלעכטס פון צווישן דיר. אן עבד השם איז נישט קיין שוואכער, קיין נעבעכ'ל; ער איז א קעמפער, און ווען עס פעלט אויס, וועט ער פארצוקן זיין קרבן.

און - לאמיר נישט פארגעסן דעם "**שפיפון עלי דרך**", די כיטרע שלאנג אויפ'ן וועג. הקב"ה וויל אויך אז צדיקים זאלן זיין גיפטיג ווי א שלאנג. אן עבד השם דארף האבן אין זיך א סם, ד.ה. א גיפט פון ענערגיע.

## השי"ת וויל נישט קיין שוואַכלינגען

**הקב"ה** וויל האבן צדיקים - נישט קיין לעמעלעך. ער וויל אז מיר זאלן זיין רירעוודיג, שטארק, זעלבסט-זיכערדיג, ענערגיש, אנטשלאסן - און אפילו גיפטיג. איר מוזסט האבן אין זיך א געוויסן "ארס", א גיפט. ווען עפעס דארף אויסגעפירט ווערן - טו למעשה!

אן עובד השם איז א זריז, א טוער, וואס פירט דורך זאכן. עס שטייט נישט "הוי גיבור כשה" - זיי שטארק ווי א לעמעלע, אדער "כעגל" - ווי א קעלבעלע, נאר "**הוי גיבור כארי לעשות רצון אביך שבשמים**" (אבות ה) - זיי שטארק ווי א לייב צו טון דעם רצון השם. אט דאס האט יעקב אבינו געזאגט פאר זיינע קינדער, און דאס איז וואס הקב"ה וויל פון אידישע קינדער, זיי זאלן זיין שטארק, דרייסט און ענערגיש אין זייער עבודת השם.

מיר לערנען דא זייער א וויכטיגע לעקציע. דאס אידישע פאלק ווערט טאקע צוגעגליכן צו שאף, ווי עס שטייט אין פסוק: "**ואתן צאני צאן מרעיתי**" - איר זענט מיינע שאף" (יחזקאל לד, לא). יא, מיר ווערן צוגעגליכן צו כשר'ע שאף, און מיר מוזן אוודאי האבן אין זיך די אלע גוטע אייגנשאַפטן פון א שעפעלע: זיין שטיל, איידל און הכנעה'דיג. און כלל ישראל האט טאקע אין זיך די אלע גוטע מדות. מיר דארפן אבער אויך האבן א געוויסע מעגליכקייט צו טון די ריכטיגע זאך אין דער ריכטיגער צייט. מיר מוזן פארקערפערן אין זיך וואס השי"ת האט געזען אין די דריי אויסגערעכנטע חיות: ענערגיע, לעבהאפטיגקייט, קראפט און מעשים.

עס איז וויכטיג צו באמערקן דאס פאלגנדע: ווען מען באטראכט די אויבנדערמאנטע דריי חיות, זעט מען אן אינטערעסאנטע זאך. כאטש די חיות זענען זייער ווילד און מסוכנ'דיג, אבער ווען דער לייב זעט א מענטש, זוכט ער זיך צו באהאלטן. אויב ער איז נישט אנגעוויזן יעצט צו זוכן עסן צו קענען לעבן, אדער צו באשיצן זיך אדער זיין פלאץ, וועט ער גיין אין א זייט און זיך נישט באווייזן; ער זוכט זיך נישט קיין צרות סתם אזוי. דאס זעלבע איז אויך מיט די שלענג - זיי ווילן נישט האבן קיין מענטשן אין וועג, און לויפן אוועק. פארשטייט זיך, אויב איינער טרעט ארויף אויף א שלאנג איז עפעס אנדערש, אבער סתם אזוי פרובירן זיי אויסצומיידן מענטשן. דער וואלף באהאלט זיך אוודאי פון מענטשן.

דער צד השוה צווישן די אלע דריי חיות איז דעריבער, אז מיט זייער גאנצער ווילדקייט און ענערגיע, וועלן זיי ניצן זייער קראפט נאר ווען עס פעלט אויס, ד.ה. ווען מען רייצט זיך מיט זיי, אדער מ'פרובירט זיי צו אונטערדריקן און זיי שפירן די נויט זיך צו באשיצן. ווען מ'קומט נאענט און זיי פילן זיך באדראט, קומט זייער חיה'שע נאטור צום אויסדרוק.

## וויאזוי איז דער טעלזער רב מספיד דעם אפיקורוס?

**לאמיר** אייך דערציילן א קליינע מעשה. דער טעלזער רב, רבי יוסף לייב זצ"ל, איז געווען גאר א פיינהארציגער מענטש. די וואס האבן אים געקענט האבן געוואוסט צו זאגן, אז ער וועט טון אלץ אין זיין מעגליכקייט צו העלפן א צווייטן, און וועט אוועקגעגעבן דאס העמד פון לייב פאר יענעם. נישט אלע אידן אין טעלז זענען געווען צדיקים. א טייל פון די מאכטפולע אידן דארט זענען געווען ציוניסטן, העברעאיסטן. איינער פון זיי איז געווען דער שרייבער וואס האט זיך גערופן "אחד העם". ער איז לגמרי קיין צדיק נישט געווען, אבער ביי די פראסטע לייט, די עם-הארצים און די רשעים, איז ער געווען א העלד.

ווען "אחד העם" איז געשטארבן, זענען די קהילה-פירער געקומען צו רבי יוסף לייב און געבעטן, אז ער זאל זאגן א הספד נאכ'ן פארשטארבענעם. דער טעלזער רב האט איינגעשטימט און געזאגט, "גוט, כ'וועל זאגן א הספד." ער איז ארויסגעקומען פון שטוב אויפ'ן באלקאן (פאָרטש) מיט א רמב"ם אין די הענט, און אראפקוקנדיג צו די מענטשן וועלכע האבן זיך פארזאמלט צו הערן דעם רב'ס הספד, האט ער זיי נאכגעזאגט וואס עס שטייט אין רמב"ם:

"ווען א בית-דין איז דן די רשעים און פאר'משפט זיי צום טויט, פירן זיך נישט די קרובים מיט קיין שום מנהג פון אבילות. מען טרויערט נישט נאך זיי, 'אלא אוכלים ושותים ושמחים', נאר מען עסט און מען טרינקט און מען פרייידט זיך, 'שנאמר באבוד רשעים רנה', ווי עס שטייט אין פסוק (משלי י"א), ווען די רשעים גייען פארלוירן, איז א צייט פון געזאנג." מיט די דאזיגע רייד, האט דער טעלזער רב פארמאכט דעם רמב"ם און איז צוריק אריין אין שטוב. אט דאס איז געווען דער הספד.

דער טעלזער רב איז געווען א גבור! ער איז געווען ווי דער "שפיפון", ווי א גיפטיגע שלאנג. אמאל דארף מען אזוי טון. ער איז נישט געווען קיין קליין, שטיל שעפסעלע; ער האט געהאט די דרייסטקייט ארויסצוטרעטן און זיך אננעמען פאר'ן כבוד פון אויבערשטן.

## קעמפן מיט א פעסטקייט

**הגה"צ רבי אהרן קאטלער** און דער אלטער **סאטמארער רב זצ"ל** זענען ביידע געווען גרויסע בעלי חסד. זיי זענען געווען דער אדרעס צו ווענדן זיך פאר הילף, און זייער הויז איז געווען אפן פאר יעדן. זיי זענען געווען מעכטיג ליבליך צו וועמען עס האבן זיך געוואנדן מענטשן אין א נויט, און קיינמאל האבן זיי נישט אפגעזאגט איינעם וואס איז געקומען צו זיי נאך הילף. גלייכצייטיג האבן ביידע פון זיי צוגעצויגן צו זיך א צאל שונאים, און די סיבה איז געווען ווייל זיי האבן געזאגט אפן וואס זיי האבן געהאט צו זאגן. אמת, זיי זענען געווען זיס ווי האניג, אבער קיין שעפסעלעך זענען זיי נישט געווען. אייגנטליך זענען זיי יא געווען שעפסן, אבער זיי האבן אויך געוואוסט ווי אזוי צו זיין לייבן, און עס זענען געווען פיל וועלכע האבן נישט פארשטאנען אז צדיקים דארפן זיין אויך לייבן, און זיי האבן דעריבער געקוקט קרום אויף אט-די גדולים.

פרומע אידן לאזן הערן זייער שטימע - צי ס'איז פאָפולער, אדער נישט. דאס איז וואס השי"ת וויל פון אונז, און מיר ווערן ערווארט צו קעמפן און ארויסטרעטן מיט א פעסטקייט קעגן אלע אויבי ה'. עס קאסט אפ כוחות, און עס פאדערט זיך קוראַזש ארויסצוקומען און זאגן דעם אמת, אין א וועלט וואס טרינקט זיך אין שקר. ווען עס קומען זיך צוזאמען מארשירן א פאר הונדערט טויזנט מושחתים פון גאנץ אמעריקע, ווייסן מיר אז זיי וועלן אינגיכן אויסשטארבן; אין א פאר יאר ארום, וועלן די מערסטע פון זיי שוין זיין אין קבר. אבער מיר בלייבן שטיל. דארפן מיר טאקע זיין שטיל? ניין! מיר דארפן זאגן: "די דאזיגע מושחתים - זאלן זיי גיין!" אלע פון זיי וועלן בקרוב גיין אין דער אדמה אריין! מיר דארפן זאגן דעם אמת, כאטש צווישן זיך אליין.

**ווען** די וועלט ארום אונז טרינקט זיך אין שמוץ, אוממאָראַלישקייט, אפיקורסות, כפירה אין בריאת העולם, און אין הבלי עולם הזה - וואס וויל הקב"ה פון אונז? אז מיר זאלן זיצן רואיג און זיך צוקוקן צו דעם אלעם? זיך אוועקשלייכן ווי א קליין, שטיל שעפסעלע?! ניין! השי"ת וויל אז מיר זאלן זיין לייבן. מיר זאלן שעלטן די רשעים! נישט אין פנים אריין - ווייל זיי וועלן צוריקשלאגן, אבער שלא בפניהם דארפן מיר זיי שעלטן, דערנידעריגן און מאכן ליצנות פון זיי. ווען איר זאגט דריי מאל א טאג "**ולמלשינים אל תהי תקוה וכל הרשעה כרגע תאבדו**" - זאגט עס בכוונה. לייגט אריין גיפט! זייט ווי דן, א "שפיפון עלי דרך"; זאגט עס מיט סם. הקדוש ברוך הוא וועט זיך צוהערן, ווייל איר מיינט עס אמת'דיג, איר נעמט זיך אן פאר כבוד שמים. איר האט די ענערגיע זיך ארויסצושטעלן פאר'ן דבר השם, און דאס איז וואס הקב"ה וויל אז איר זאלט טון.

זייט נישט קיין איידעלע, בארעמהארציגע ליבעראַלן. ליבעראלן זענען נישט ליבעראל ווען עס קומט צו פרומע אידן, איז פארוואס דארפן מיר זיין ליבעראל צו רשעים? הקב"ה וויל אזא רעאַקציע פון אונז. "אוהבי ה' שנאו רע" - אויב איר האט ליב השי"ת, האט איר פיינט די רשעים (תהילים צז, י). "אה... - זאגט דער "ניו יארק טיימס" - "שנאה? שנאה איז טריף!" די איינציגע וועמען איר מעגט פיינט האבן זענען די אָרטאָדאָקסישע אידן, די חרדים. זיי מעג מען האסן, און אנדערש טאר קיין שנאה נישט זיין.

**מיר** ווילן זיך אבער צוהערן צו דוד המלך, אנשטאט צו להבדיל דעם "ניו יארק טיימס". דוד המלך זאגט,

## שעלט זיי, דערנידער זיי!

ווער עס האט ליב השי"ת, האט פיינט שלעכטס; נישט זיי **האבן נישט ליב** קיין שלעכטס - זיי האבן **פיינט** דאס שלעכטס! ווען דוד המלך האט געשריבן דעם ספר תהילים, האט ער געווארט, ווייל עס איז געווען א געוויסער אויסדרוק וואס ער האט געוואלט זאגן - ער האט געוואלט זאגן "הללוקה". "הללוקה" איז זייער א שטארקער אויסדרוק. ווייסט איר וואס דאס ווארט באדייט? "הללו" איז פון לשון "הולל": זיין צעווילדעוועט. "אמרתי להוללים אל תהולו" - איך האב געזאגט צו די ווילדע, זייט נישט ווילד. "הולל" איז טייטש: צעווילדעווע זיך! איבער וואס דארף מען זיך צעווילדעווען? זאגט דוד המלך: "הללו-קה" - צעווילדעוועט זיך פאר'ן אויבערשטן. נישט זאג סתם, "כ'האב דיך ליב, השי"ת" - צעווילדעווע זיך פאר אים! אט דאס וויל השי"ת פון אונז.

דוד המלך האט אבער געווארט און געווארט מיט'ן ארויסזאגן דאס ווארט, ביז ער איז אנגעקומען צום פסוק: "**יתמו חטאים מן הארץ**" - ווען די זינדיגע וועלן פארלענדט ווערן פון דער וועלט, "**ורשעים עוד אינם**" - און עס וועלן מער קיין רשעים נישט זיין אויף דער וועלט, זיי וועלן שוין זיין אין קבר - "**ברכי נפשי את השם**". ערשט יעצט האט דוד המלך געקענט באנוצן דעם אויסדרוק און האט געזאגט: "הללוקה" - צעווילדעוועט זיך פאר השי"ת! ער האט עס נישט געזאגט ביז ער האט נישט ערשט געזען די מפלה פון די רשעים, און באלד ווי ער האט געזען אז די רשעים וועלן אלע האבן א מפלה, האט ער זיך צעווילדעוועט פאר השי"ת.

די רשעים **וועלן** אלע האבן א מפלה! די טויט-באריכטן אינעם "טיימס" באווייזן, אז זיי שטארבן אויס ווי די פליגן. זיי שטארבן, ברוך השם, יעדן טאג. כן ירבו! אין די באריכטן ווערט אנגעגעבן אז דער און יענער איז ארויס אויף פענסיע צוליב געזונטהייט-סיבות. אין אנדערן יאר איז ער שוין אין קבר. ברוך השם!

**דער** אמת איז, אז די ענערגיע פון וואס מיר רעדן דא - די שטארקייט פון א לייב און דער גיפט פון א שלאנג - מוז נישט געבוצט ווערן נאר קעגן די רשעים - מען דארף אוועקלייגן די ענערגיעס אויף צו שטארקן זיך אויף די אייגענע שלעכטע מדות. יעדער ווייסט וואס עס שטייט אין פרקי אבות (ד' א): "**איזהו גבור**" - ווער ווערט אנגערופן א שטארקער מענטש? "**הכובש את יצרו**" - ווער עס נעמט איין און שטארקט זיך אויף זיין יצר הרע. אט דאס איז די אמת'ע שטארקייט, און אויף דעם דארף מען די גבורה - זיך צו שטארקן אויפ'ן יצר הרע.

עס זענען דא אסאך יצרים וואס דארפן באקעמפט ווערן: די תאוה פון געלט, די תאוה פון כבוד, די תאוה פון קנאה, די תאוה פון נקמה, און אוודאי אויך כעס, און גאוה - עס זענען דא פיל פארמען פונעם יצר הרע, און זיי אלע ווערן געגעבן פאר אונז פאר איין צוועק: אז מיר זאלן קעמפן קעגן זיי. הקב"ה וויל אז מיר זאלן האבן א **שטארקייט פון כאַראַקטער**, גבורת הנפש! אט דאס ערווארט השי"ת פון א איד! און וויבאלד דאס איז דער רצון ה', מוזן מיר זיך אויסלערנען אט-די חכמה, ווי אזוי מ'באקומט אזא שטארקייט.

ווען מיר זעען ווי יעקב אבינו האט אנגערופן זיינע זין א לייב, א שלאנג, א וואלף - באקומען מיר א באגריף, וואס הקב"ה זוכט ביי זיינע מענטשן. השי"ת וויל מענטשן מיט כאַראַקטער-שטארקייט, נישט קיין שוואכלינגען. ער וויל מענטשן וואס האבן אין זיך א חיות, וואס האבן לעבן אין זיך, וואס וועלן דערגרייכן און אויספירן.

און מער פון אלעם זוכט השי"ת די אייגנשאַפט פון "ענערגיע". די וואס קעמפן מיט ענערגיע, מיט גבורה, פאר'ן אויבערשטנ'ס וועגן, זיי וועלן זיין די אויסגעקליבענע צו שטיין פאר השי"ת אויף אייביג, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

## צו באשטעלן ביי אונז
## קונטרסים גליונות פאר:

שבת באווארפן / שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"ו.
מיט די תפילות, קריאת התורה,
זמירות און ברהמ"ז
**לויט אייער פארלאנג,**

פארבינדט אייך מיט אונז ווי פריער אין וואך
**615.680.9029**
gilyonosshabbos@gmail.com

***ליינט די גליון יעדע וואך אין די קונטרס "גליונות לשב"ק",***



# איר ווילט אוודאי אריינגיסן חיות
# אין הינדערטער מענטשען
מיט אפאר דאללאר

# רופט אריין צו אויסקלויבן
# אייער וואך
## רופט: 845-213-7571

די קונטרס ווערט פארשפרייט אין וויליאמסבורג אין עטליכע גרעסער שוהל'ן
אויב איר ווילט באצאלן פאר נאך רופט די אויבן דערמאנטע נאמבער

## נדבת השבוע

פ' ויחי נתנדב ע"י

הרוצה בעילום שמו
לרגל תגלחת בנו נ"י
יהי רצון שיזכה לגדלו לתורה ולחופה ולמעשים טובים, וירווה רוב נחת מכל יו"ח

לע"נ חיים אברהם יצחק בן יחיאל ע"ה
ולע"נ פיגא נעכא ב"ר ישראל ע"ה
ולרפואת יוסף דוב בער בן פיגא נעכא

# עס איז נישטא אזא זאך ווי נישט מצליח זיין

## שאלה:

**איך פרוביר זיך מחזק צו זיין אין ענינים פון עבודת השי"ת, אבער עס גייט נישט. איך האלט אין איין דורכפאלן, און כ'פיל ווי כ'האלט שוין ביים ;אויפגעבן. וואס קען איך טון זיך מתגבר צו זיין אויף מיינע שוועריגקייטן און מצליח זיין?**

## תשובה:

**אין** איינעם פון זיינע ספרים, שרייבט רבי נחמן ברעסלאווער זצ"ל אויף זיך אליין ווי פאלגנד:

**"ווען** איך בין געווען יונג, האב איך פרובירט צו דינען השי"ת. כ'האב פרובירט, און עס זענען געווען צייטן וואס איך בין אראפגעפאלן הונדערט מאל. און יעדעס מאל האב איך זיך צוריק אויפגעהויבן און פרובירט נאכאמאל."

**דאס** איז געווען מיט'ן כח פון זיין עקשנות. ער האט זיך אויפגעהויבן און צוריק אראפגעפאלן; ער איז דורכגעפאלן, האט נישט מצליח געווען - אבער ער האט זיך צוריק אויפגעהויבן. און אזוי הונדערט מאל.

**"איך** האב זיך אויפגעהויבן," זאגט רבי נחמן, "און צום סוף בין איך געבליבן שטיין."

**דאס** איז א מוסר השכל: עס איז א נסיון, און דו האסט א בחירה זיך צו שטארקן אויפ'ן נסיון. פרוביר ווייטער, און צום סוף וועסטו זיכער מצליח זיין.

**עס** איז נישטא אזא זאך אז מען איז נישט מצליח. מ'פרובירט, און - "הבא ליטהר מסייעין אותו". אויב דו האסט אן אמת'ן רצון, דו קומסט באמת כדי מצליח צו זיין - וואס דאס איז דער באדייט פון "הבא ליטהר" - דאן וועסטו צום סוף בלייבן שטיין און נישט פאלן.

שאלות און תשובות מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**דעם** ערשטן מאל, אדער די ערשטע ניין-און-ניינציג מאל, איז עס בלויז א פראבע, א נסיון, צו זען אויב דו ביסט א שוואכלינג. דאס איז דער תכלית פונעם נסיון: צו זען אויב דו ביסט א שוואכלינג, אדער דו האלטסט ערנסט דערביי. אויב דו שטארקסט זיך ניין-און-ניינציג מאל, ביסטו אויפ'ן וועג מצליח צו זיין און דערגרייכן הויך.

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות